פרייז 25 גראשען  XVI-טער יאָהרגאַנג  – Opłata pocztowa – uiszczona ryczałtem.  „Radomer-Kielcer Leben" 31 (781)  היינט

ראַדאָמער-קעלצער
# לעבען

געבויגען אין צער איבער'ן פרישען קבר
פון אונזער אונפערגעסליכען ש ע ף און פ ר ע ז
## ישראל יעקב דיאַמענט
דער פרוי, קינדער און דער פאַמיליע
דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל
זאָלען זיינע גרויסע לייסטונגען לטובת הכלל זיי אַ טרייסט זיין
**פערסאָנאַל פון גמילת-חסד קאַסע**
ביי דער יודישער קהלה אין ראַדאָם

אַבטיילונג פאַר קעלץ
פאַר'ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך.
Radom, dnia 4 Sierpnia 1939 r.
ראַדאָם, פרייטאָג י"ט אָב תרצ"ט
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15
אַבטיילונג פאַר אסטראָוויעץ אָפּאַטאָוו, וויערשזבניק
און סביבה

צוליב'ן טויט פון אונזער אונפערגעסליכען פרעזעס, דעם לאַנג-יעהריגען
אונערמידליכען און פעדינסטפולען געזעלשאַפטליכען עסקן
# ישראל יעקב
# דיאַמענט ז"ל
דריקען מיר אויס דער פרוי, קינדער און פאַמיליע
דעם טיפסטען מיטגעפיהל.
אין זיין איבערגעגעבענער מסירת-נפש'דיגער געזעלשאַפטליכער ארבייט
זאלען זיי א טרייסט געפונען
**די פערוואלטונג און קאָמיטעט**
**פון דער גמילת-חסד-קאַסע**
אין ראַדאָם.

---

**Zbolałej i pozostałej w nieutulonym żalu**
Rodzinie DIAMENT oraz Rodzinie ROSENBERG
**z powodu przedwczesnego zgonu**
**Ich Męża, Ojca, Brata i Szwagra**
**B. P.**
# JAKUBA DIAMENTA
**najserdeczniejsze współczucie**
wyraża
Aron Frydland z Rodziną

---

**Rodzinie Diament**
**z powodu zgonu** Ojca i Męża Ich
**B. P.**
# Jakuba Diamenta
**wyrazy głębokiego współczucia**
składa Pinkus Margules

---

**Wyrazy szczerego współczucia**
Rodzinie Diament
**z powodu zgonu Męża i ojca Ich**
**B. P.**
**Jakuba**
# Diamenta
składają M. Wajsbordowie.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
דער חשוב'ער פאַמיליע **דיאַמענט**
צוליב דער גרויסער אבידה וואָס האָט זיי געטראָפען
מיט'ן טויט פון זייער געשעצטען מאַן און פאָטער
## ישראל יעקב
# דיאמענט ז"ל
אין זיין עהרליכער און איבערגעגעבענער
געזעלשאַפטליכער ארבייט זאָלען זיי א טרייסט געפונען
**אַבִיש מרגלית.**

---

דער פאַמיליע **דיאַמענט**
צוליב'ן טויט פון זייער **מאַן** און **פאָטער**
# ישראל יעקב נ. ע.
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
**אהרן גאָלדבערג** און **פאַמיליע.**

זונטאג כ״א אב תרצ״ט (6 שערפיען ה. י.) פאלט אויס די צווייטע יאהר-צייט
פוז אונזער געליבטער און נישט פערגעסענער פרוי, מוטער און שוועסטער
# רבקה גיטל (גוטשע) וויינטרויב נ.ע.
(פון דער היים דען)
אין זעלבען טאג פון דער יאהר-צייט 11 אינדערפריה וועט אבגעריכט ווערען אויף איהר קבר
אנ"ה ז כ ר ה,
אויף וועלכער עס ווערען פערבעטען, קרובים, פריינד און בעקאנטע.
מאן, טאכטער, ברידער און שוועסטער

## עקספלאזיע אין דער אייל-פאבריק „פארסא“
### פערברענט געווארען א מאגאזין — דריי מענשען אבגעבריהט

מיטוואך בייטאג, א זייגער צוויי איז אויסגעבראכען א שריפה אין מאגאזין פון דער אייל-פאבריק „פארסא“ אין מלאדזשאנאוו. די שריפה איז פעראורזאכט געווארען דורך אנ׳עקספלאזיע פון לייכטע ברען-שטאפן: בענזין, טארפעטין און אנדערע ברען-מאטעריאלען, וועלכע ווערען בענוצט צו דער פראדוקציע פון אייל און לאקיר.

בעת דער שריפה האבען עקספלאדירט פעסלעך בענזין. עס זענען גרונדליך פערניכטעט געווארען די איינארדנונגען פון די מאגאזינען און אויך זאפאסען פון רויה-שטאף. אויך די שויבען פון מאגאזין זענען צושמאלצען געווארען פון פייער.

דריי ארבייטער פון דער פאבריק זענען אנגעבריהט געווארען.

דאס פייער איז שנעל לאקאליזירט געווארען א דאנק דער שמארקער רעטונג׳ס-אקציע פון עטליכע פייערלעשער אבטיילונגען פון דער טיטין-פאבריק, פון דער געוועהר-פאבריק און די פרייוויליגע פייערלעשער.

די פאבריק האט געהאט א בעדייטענדען שאדען.

## די סאניטארע מאכט וועט בודק זיין אלע רעסטאראציעס

היינטיגען מאנטאג האט געווייזט אין ראדאם דער פרעמיער-מיניסטער גענ. סקלאדקאווסקי, וועלכער האט געגעסען מיטאג אין איינע פון די ערשטקלאסיגע רעסטאראציעס. ביי דער געלעגענהייט האט דער ה׳ פרעמיער זיך פעראינטערעסירט מיט דער ארדנונג. וואס הערשט אין דער קיך פון זעלבען רעסטאראן און געפונען געוויסע פעהלערען. דאס האט בעוואויגען דעם ה׳ פרעמיער צו בעאויפטראגען דער אדמיניסטראטיווער און שטאטישער מאכט באלד אדורכצופירען אנ׳ענערגישע לוסטראציע אין אלע היגע רעסטאראציעס. דאס פעסטשטעלען וועלכע ס׳איז סאניטארע אומארדנונגען, וועט ברענגען פאר די אייגענטימער א שטרענגע שטראף, ביז צום שליסען דעם גאסטראנאמישען אנשמאלט איינשליסליך.

## אויך אנדערע בראנזשעס זענען בע׳עוולה׳ט געווארן

ווי מען אינפארמירט אונז, איז נישט בלויז בע׳עוולה׳ט געווארען די שיף-סראנזשע מיט א העכערער, ווי אלע יאהר, שטייער אויסמעסטונג, אזא עוולה האבען אויך געליטען אנדערע סוחרישע בראנזשעס.

דער קליינהענדלער-פערבאנד פיהרט דורך פון זונטאג אן א רעיעסטראציע פון די בעטרעפענדע, בע׳עוולה׳טע סוחרים, וועלכע דארפען זיך מעלדען אין דעם ענין אין דער קאנצעלאריע פון דערמאנטען פעראיין.

מאנטאג רופט דער קליינהענדלער-פערבאנד א קאנפערענץ פון די יודישע זאכקענער אין שטייער-אמט, מיט ד בע׳עוולה׳טע סוחרים.

### ד א נ ק ז א ג ו נ ג

דערמיט דריקען מיר אויס דעם בעסטען דאנק דער חשוב׳ער פרוי **יהודית וואַרשאַוער** (פון דער היים מעלעכיאר) פאר שפענדען 20 ז ל א ט ע ס פאר אונזער אינסטיטוציע צו דער יאהר - צייט פון איר מאן ר׳ חיים ז״ל.

די פערוואלטונג
פון קימפעטארען-פעראיין אין ראדאם

## קינא „טשארי“
צו ביליגע פרייזען
פון 25 גראשען אן
שענער פראגראם א. ג.
אלס 1-טער פילם
### „קוריער צארסקי“
אלס 2-טער פילם
### „א שטאק העכער“

---

מבכים אנחנו את מות חברנו הנעלה
פרנס הקהלה, העסקן הצבורי הנאמן
הר׳ **ישראל יעקב**
# ד י מ נ ט ע״ה
שזכרונו הטוב לא ימיש מלבנו
וד׳ ינחם את משפחתו מיגונה הכבד
בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
**שלטון הקהלה** ברדום.

---

כ׳נעם אנטייל אין דעם צער
פון דער חשוב׳ער פאמיליע **דיאמענט**
צוליב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאן און פאטער
דעם פאפולערען עסקן אין געשעצטען כלל-טהוער
ר׳ **ישראל יעקב**
# דיאמענט ז״ל
זאלען זיי מעהר נישט וויסען פון קיין צער
**ירחמיאל מרגלית.**

---

דעם פרעזעס פון ראט ה׳
**פנחס פרענקעל**
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
צוליב׳ן טויט פון זיין שוואגער דעם בעוויסטען געזעלשאפטליכען טוער
# ר׳ ישראל דיאמענט ז״ל
ראט און פערוואלטונג
פון סוחרים - פעראיין
אין ראדאם.

---

אנו מביעים את רגשי השתתפותנו
למשפחת החשובה **דימנט**
במות עליה בעלה ואביהם היקר, עסקן ציבורי
# ר׳ ישראל יעקב דיאמענט ז״ל
ינחמו בתוך שאר אבלי ציון ולא יוסיפו לדאבה עוד
**מרדכי יהודה פישמאן ורעיתו.**

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דער פאמיליע **ד י א מ ע נ ט**
צוליב׳ן טויט פון זייער חשוב׳ן מאן און פאטער
# ר׳ ישראל דיאמענט ז״ל
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
**דוד בלאטמאן** סלאוואצקיעגא 24

---

Zbolałej Rodzinie Diament
z powodu przedwczesnego zgonu
Ich ojca i Męża B. P.
# Izraela Jakuba DIAMENTA
wyrazy najgłębszego i najszczerszego współczucia składa
Rodzina Gruszkiewicz
Żeromskiego 25

---

נדהמים ונבוכים לרגלי מות ידידנו
# ישראל יעקב דימנט ז״ל
את השתתפותנו בצער המשפחה — הננו מביעים
בגאולת האומה והארץ תנחם!
**קבוץ „בחזית“** ברדום

---

דער פאמיליע **דיאמענט**
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
צוליב׳ן טויט פון זייער חשוב׳ען מ א ן און פ א ט ע ר,
דעם לאנגיעהריגען געזעלשאפטליכען עסקן
# ר׳ ישראל יעקב דיאמענט ז״ל
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די פערוואלטונג
פון בית-יתומים און מושב-זקנים אין ראדאם

---

מיר בעטייליגען זיך אין דעם גרויסען צער פון אונזער חשוב׳ע און לאנגיעהריגע מיטגלידערין פרוי **מטמיל דיאמענט**
צוליב׳ן טויט פון איר ליבען און קיינמאהל נישט פערגעסענעם מאן
דער בעוויסטער עסקן, אונזער עהרען-מיטגליד
# ר׳ ישראל דיאמענט ז״ל
זאל זי זיין געשטארקט איבערצוטראגען די גרויסע אבידה
און געפונען א טרייסט אין זיינע גרויסע לייסטונגען לטובת-הכלל
די פערוואלמונג
פון קימפעטארען-פעראיין

---

מיינע פריינד, די חשובי-העיר, **פנחס** און **דוד פרענקעל**
דריק איך אויס מיין אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל
צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער געליבטען שוואגער
דעם לאנגיעהריגען טיכטיגען עסקן
# ישראל יעלב דיאמענט ז״ל
**מאיר הערץ** און **פרוי.**

---

אויפריכטיגען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
אונזער חשוב׳ען פריינד
**אדוו. אברהם סאלבע**
צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין ווירדיקען
# ש וו ע ר
**נ. האלצמאן, גבריאל ווייסמאן.**

---

אנו מביעים את רגשי השתתפותנו
בצערה העמוק של משפחת ד י א מ ע נ ט
במות עליה בעלה ואביה
# ישראל יעקב ז״ל
**מרדכי לנגר ורעיתו**

---

די אלע פריינד, בעקאנטע און געזעלשאפטען, וועלכע האבען אנטייל גענומען
אין אבגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער אונפערגעסליכען
מ א ן און פ א ט ע ר
# ישראל יעקב דיאמענט ז״ל
דריקען מיר אויס אויף דעם וועג אונזער הארציגסטען דאנק.
**ד י פ א מ י ל י ע.**

